

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת ויגש

# א הייליגע פארזאמלונג

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים

כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון אייער טאטע

## פרשת ויגש

# א הייליגע פארזאמלונג

"ארי!" האט שימי אויסגעשריגען צו ארי האלצבאכער, ווען ער איז אריינגעקומען אין חדר הויף, דינסטאג אינדערפרי, "ווי אזוי איז געווען די הארקי חתונה?"

אלע אינגלעך האבן ארומגערינגלט ארי צו הערן א גריס פון דער חתונה, וואס איז פארגעקומען אויסערן שטאט, ווען ארי האט געהאט די זכיה, מיטצופארן מיט זיין טאטן. מוסדות הארקי האט ארומגעשיקט זייער איינלאדענונג'ס קארטלעך איבערן גאנצן שטאט. מען האט געשמועסט אז דאס וועט זיין א 'קידוש השם חתונה', אבער די קינדער האבן נישט געוואוסט פונקטליך וואס דאס באדייט. אפשר וועט מען איינלאדענען די גוים, צו בייוואוינען ווי הערליך א אידישע שמחה ווערט געפראוועט? אנדערע קינדער האבן געקלערט אז בלויז די אנוועזנהייט פון דער הארקי רבי שליט"א, איז שוין א קידוש השם.

אלע קינדער האבן זיך שטילערהייט צוגעהערט ווי ארי האט פארגעשטעלט די גרויסארטיגע חתונה, "ס'איז געווען הערליך! ערשטנס מיין טאטע האט פריש איבערגעפארבט זיין פריוואטע פליגער מיט די ווארט הארקי אויף די זייט פון די פליגער. און דער רבי האט געזאגט אז די פילאטן דארפען זיין פרומע אידן - ער האט געוואלט אז נאר פרומע אידן זאלן זיין פארמישט אין די גרויסע קידוש השם! אפילו די קאנטראלירערס אויף די ראנוועי פאר די עראפלאן זענען אלע געווען הארקי חסידים!"

די אינגלעך האבן זיך צוגעהערט איבערראשט זיך פארשטעלנדיג ווי א חסיד האלט אראנדזשע שטעקעלעך, פירנדיג די עראפלאן צו פארקירן, דערווייל ווי ארי האט ממשיך געווען.

"די חתונה איז געווען אזוי גרויס אז עס האט געדאפט פארקומען אין א עראפלאן הענגער - אזוי רופט מען די ריזיגע עראפלאן גאראזשן - אין די לופטפעלד. זיי האבן אויפגענומען א היימישע שטאב צו איבערמאכען די מאסיווע בנין צו א הערליכע חתונה זאל. די זאל איז הערליך שיין באצירט געווארן, מיט גאלדענע באפיצונגען. און פון דאך האט אראפגעהאנגען טשילארס פון דימאנטן וואס האבן געבליטשעט קעגן די פילע שפיגלעך" האט ארי גערעדט מיט זאפט, ווען די קינדער נייגן צו אן אויער, נישט צו פארפאסן קיין איין ווארט פון די הערליכע פארשטעלונג. אין זייער דמיון האבן זיי זיך פארגעשטעלט ווי זיי זענען ממש דארט...

"הונדערט און זעכציג טויזנט חסידים האבן אנגעפילט די פארענטשעס!" האט ארי אויסגערופן מיט באגייסטערונג,

איך און מיין טאטע זענען געפלויגען אויף די עראפלאן צוזאמען מיט די רבי און זיין משפחה. ווען מיר האבן געלאנדעט האט דער קאנטראלער גערעדט צו די פילאטן אין

אידיש! און דאן איז די עראפלאן צוגעפארן צו די הענגער און די רבי האט אראפגעוואקט די טרעפ גראד צו די חופה! עס איז געווען אומגלויבליך!

און ווען דער רבי איז אריינגעקומען אין זאל האבן אלע אויסגעפלאצט אין א געזאנג וואס האט אפגעהילכט ווייט. פון די מוזיק, זינגערס און עסן קען איך ענק אפילו נישט מסביר זיין. ס'איז געווען מעכטיג! און ווען דער רבי איז ארויסגעקומען צו דער חופה איז געווען אזא התעוררות, אז קיין איין אויג איז נישט געבליבן טריקן.

אינמיטן די הייליגע מצוה טאנץ האט דער רבי געוויזן אז ער וויל עפעס זאגן. די מוזיק איז שטיל געווארן און מען האט געברענגט די מייק צום רבי'ן, צו הערן זיינע הייליגע דיבורים. דער רבי האט אנגעהויבן מיט א ווארט אויף די פרשה:

'פארוואס האט יוסף הצדיק ארויסגעשיקט אלע מצריים פון צימער ווען ער האט אנטפלעקט פאר די ברידערס אז ער איז יוסף? פארוואס האבן זיינע באדינערס נישט געמעגט מיטהאלטן די סצענע?' און דאן האט דער רבי אויסגערופן מיט א פייערדיגע שטימע: 'ווען אידן קומען זיך צוזאמען הערשט א געוואלדיגע השראת השכינה און קדושה. און דאן, ווען די ברודערס האבן זיך צוריק פאראייניגט, און אריינגעברענגט די שכינה צווישן



זיך - האבן נישט געמעגט זיין קיין גוים צווישן זיי, פונקט ווי גוים האבן נישט געמעגט אריינקומען אין בית המקדש, דער פלאץ וואו די שכינה האט גערועט!'

און דער רבי האט אויסגעפירט, 'יעצט ביי די חתונה, ווען אזויפיל אידן זענען זיך צאמגעקומען איז דא השראת השכינה. דער קידוש השם איז אזוי גרויס אז איך האב נישט געוואלט אז עס זאל זיך געפונען גוים דא צווישן אונז, אזוי ווי ווען יוסף הצדיק האט זיך פאראייניגט מיט זיינע ברידערס.'"

די קינדער, וועלכע זענען געשטאנען ארום ארי, זענען געווארן זייער איבערגענומען פון די ווערטער.

"זייער שיין!" האט זיך געהערט א שטימע פון אונטן. אלע האבן זיך אויסגעדרייט און זענען איבערראשט געווארן צו באמערקן רבי כהן, וועלכע האט זיך צוגעהערט צו דעם גאנצן שמועס.

רבי כהן'ס ווארימע שמייכל האט זיך באוויזן אויף זיין פנים. "און איך וועל ענק זאגן נאך עפעס, קינדער. די זעלבע זאך קומט פאר דא ביי אונז אין חדר," האט רבי כהן צוגעגעבן.

די קינדער האבן זיך ארומגעקוקט צעמישט. די ווענט זענען שיין און ריין אבער נישט באפיצט מיט גאלד. און עס הענגען נישט אראפ פון דאך טשילארס, געמאכט פון דימאנטן.

רבי כהן האט גלייך באמערקט די פארוואונדערטע בליקן פון די קינדער, "קוקט ענק ארום דא, וואו אימער ענק זאלן נאר קוקן אין דעם חדר, וועלן ענק באגעגענען נאר אידן. די טייערע קינדער, די חשוב'ע מלמדים, אפילו דער רייניגער איז א פרומער איד. אונזער חדר איז פול מיט קדושה. די שכינה רועט אין אונזער תלמוד תורה!

און נישט נאר אין חדר. היינט, אויפן וועג אהיים, ווען דו גייסט פארביי א פרומע שטוב אדער כשר'ע בוטשער, וואו ערליכע אידן קויפן איין זייער פלייש לכבוד שבת, דארפסטו טראכטן, 'וואה!' די הויז, אדער געשעפט, איז אנגעפילט מיט די שכינה - ס'איז א הייליגע פלאץ!'

ווי נאר רבי כהן האט געענדיגט רעדן האט דער גלאק געקלינגען און איינגעמאלדן די קינדער אז ס'איז צייט ארייננצוגיין אין חדר. די קינדער האבן שוין געהאט וואס צו טראכטן און געדענקן, אז צו זיין צווישן ערליכע אידן מיינט, זיין ארומגענומען מיט די שכינה און קדושה!'

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**


כל הזכיות שמורת